STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07269

OVNT BAYM PRUT

Freed Weininger

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. פריד ווייַנינגער

אָוונט בײַם פּרוט

סאָנעטן און לידער

ניו־יאָרק, 1942

Ovnt baim Prut
Copyright by M. FREED-WINNINGER
New York, 1942

369

„אונט ביים פרוט״ גיב איך אַ נאָמען דעם ביכל, ווייל גאַרניט קלינגט מיר שענער, ווי דער נאָמען, וואָס אָטעמט פאַר מיר מיט אַזעלכע ליבע דערמאָנונגען פון יענע לאַנגע שעהן, אין מיטן פון דער אונטיקער פרוט-לאַנדשאַפט.

די סאָנעטן און לידער וואָס גייען דאָ אַריין, זענען אַן אויסקלייב פון אַ ניט־געדרוקטער זאַמלונג, געשריבן אין די יאָרן 1934—1942.

מיט ליבשאַפט נעם איך אויך אַריין, אייניקע פון מיין סאָנעטן־העפט „נאַרציסן״, דערשינען אין טשערנאָוויץ, סוף 1936, און וואָס איז אַהער כמעט ניט דערגאַנגען.

נאָר אַ באַזונדערן און חשובן פּלאַץ טייל איך איין דער באַלאַדעסקער פּאָעמע: פּרונזאַ ווערדע, וועלכע איך ווידמע דעם אָנדענק פון די פּאָגראָם־קרבנות פון רומע־ניע, געפאַלן אין אָנהויב פון יאָר 1941.

זאָל עס זיין אַ דענקמאָל פאַר אייך, דר. בערגהאָף, פון בוקאַרעשט און פאַר אַלע אַנדערע העלדן.

אייך, מיינע האַרציקע דיכטער פון דער בוקאָווינאַ: ראָזע־שערצער אויסלענדער, דוד גאָלדפעלד און אַלפרעד־מאַרגול שפּערבער, וועמענס גורל איז מיר אומבאַקאַנט, שיק איך מיינע וואַרעמסטע גרוסן, ווו איר זאָלט ניט זיין, מיט דער האָפענונג אַז אַמאָל וועט אייך דערגרייכן מיין ביכל, מיט וועלכן איר וואָלט זיך היינט אַזוי געפרייט.

ניט איין רגע האָב איך אויפגעהערט בענקען נאָך אייך.

ניו־יאָרק, 1942

מיין מאַמע'ן אַ מתנה.

דאָס קריגל ליכט

דאָס קריגל ליכט אין דיינע דעמערהענט,
שפּאַנסטו פאָרויס און פילסט אין דיר אַ ציטער.
אַ בוים ביים ברעג פון שליאַך צווייגט אַ צעצוויטער
און שטרעקט צום הימל זיינע ווייסע הענט.

דיין בליק איז קלאָר און חלומט אויס פאַר דיר
אַ וועג, באַרעגנסטו מיט ליכט פון קריגל
אַ דאָרף — פאַרוויגט אין חלום־וויגל
פון וואונדער־טאָל, וואָס עפנט זיך פאַר דיר.

אַנטפּלעקונג

אַלץ וואָס די ערד האָט, טראָג איך אויף די הענט.
סע קען ניט טאָג אָן מיר, ניט אונטן זיין.
דעם אָנהויב פון דער צייט האָב איך דערקענט,
און אָן מיין ווילן קען קיין גאָט ניט זיין.

דורך מיינע אָדערן גיסט זיך דער טייך
אַריין אין גרינעם, זינגענדיקן ים.
דאָס פייער פון מיין אויגנבליץ, צינדט אָן
ווולקאַנען, דעם גהינומס בלויען פלאָם.

דיביימער לייגן זייער וואַלדגערויש
אַנידער ווי אַ טעפּיך פאַר מיין טראָט.
און ווען איך מאַך די אויגן צו אין שלאָף,
ערשט דעמאָלט ווערן מידע דאָרף און שטאָט.

אין יעדער רגע, וואָס איך אָטעם איין,
גייט אויף דער מאָרגן פון אַ נייעם דור.
אין יעדער רגע, וואָס איך אָטעם אויס,
פאַרגייט אַן אַלטער שטאַרבנדיקער דור.

איך האַלט אין מיינע הענט די גאַנצע וועלט.
סע קען ניט טאָג אָן מיר, ניט אָוונט זיין.
און ווי וועט זיין צו אייך און צו דער וועלט,
ווען איינמאָל וועל איך אויך שוין מער ניט זיין.

מיינע פליפערד

ווי ווײַט מיר זענען שוין פֿאַנאַנדער,
אָ, זײַט געזונט איר אויף דער ערד.
כ׳האָב אײַנגעשפּאַנט צו דער נסיעה
די לעצטע פֿליענדיקע פערד.

די אַקסן פֿון מײַן וואָלקן־וואָגן
שוין אײַנגעשמירט, און אַלץ איז גרייט.
מײַן אָדלערהונט קען קוים דערוואַרטן,
און רײַסט זיך אָפּ שוין פֿון דער קייט.

ווי כמורנע מוז בײַ אײַך דער טאָג
אַצינד אין טאָל דאָרט אונטן זײַן,
ווײַל מײַנע פליפערד דעקן צו
מיט זייערע פליגל זון און שײַן.

מײַן דונערבײַטש טרײַבט אָן די פֿערד,
אָ, װי זײ פֿליען אין גאַלאָפּ.
נאָר אַז איך קוק צו אײך אַראָפּ
פֿיל איך אַ שטורעם אין מײַן קאָפּ.

װי הױך מיר זענען שױן געפֿלױגן?
צי קען מען מעסטן דען דעם רױם?
מײַן אָדלער שװעבט שױן װי דערשראָקן,
מיר דאַכט ער זעט אַ פֿױגל קױם.

אין דער שטילקייט פון די לאַנקעס

כ'טו אַ צי דעם רעגנבויגן,
פּליט דאָס ליכט אַ גינגאָלדפּייל,
און העלט ווידער אויף די אויגן
פון די לאַנקעס אויף אַ ווייל.

אויף די פּערלמוטער־וואָלקן
לאָז איך ווי פון טייך זיך טראָגן.
אין דער שטילקייט פון די לאַנקעס
הייבט מיין בליק אָן נאָכמיטאָגן.

ביז דער בלייכער אָוונטדעמער
וועט פון קוואַל אין בלויען טאָל
אָנשעפּן אַ פולן עמער,
און צעגיסן מיטאַמאָל . . .

טו איך נאָך א צי דעם בויגן,
און איך שליידער פייל נאָך פייל.
זאָלן גליען אַלע אויגן
פון די לאַנקעס אויף אַ ווייל.

דער זון־פֿאַרשלינגער

אַ גרינער שיין פֿאַרכּישופֿט דײַנע פֿינגער,
וואָס קריכן זיך ווי דינע שלענג פֿאַנאַנדער.
פֿון באַרגהייל קריכט דער בלויער סאַלאַמאַנדער,
אַנטפּלעקנדיק דאָס בילד פֿון זון־פֿאַרשלינגער.

און דײַנע אויגן, מידע פֿונעם וואַנדער,
צעפּליען ווי די פֿלעדערמייז זיך גרינגער,
און פֿלאַטערן אַרום דעם גלעקער־קלינגער,
וואָס קלינגט די שטערן, רויטע ווי אָלעאַנדער.

אַ מינדסטער הויך הילכט אָפּ אין סטעפּ פֿון הימל.
דער קלאַנג פֿון שטערן ווערט פֿאַרגליוווערט, רויט,
אַמאָל אויך בלאָסגרין ווי דער פֿייכטער שימל.

נאָר ווי אַ קאַץ, וואָס שפּרינגט אַרויף אַ פּלויט
און צינדט אָן אירע פֿייעראויגן אויבן,
האָט פּלוצלינג די לבֿנה זיך דערהויבן.

דער בלויער מילנער

די זונמיל מאָלט דאָס גאָלד פון נאָכמיטאָג.
און דו דער בלויער מילנער שטייסט דערפרייט.
דו הייבסט דעם וויאָלעטן באַרג אויף; גרייט
איז אויך דיין פורפור זונפאַרגאַנגען־וואָג.

ווער האָט געבענטשט דיך, אַז נאָך מי און פלאָג,
ווען אויך די לעצטע שעה פון טאָג פאַרגייט,
זאָלסטו גאָר פילן דעמערנדיקערהייט
דיין כח וואַקסן ווי ביים גוג־מגוג.

באַלד וועסטו אויפן גרויסן שטערן־וואָגן,
וואָס וואַרט אויף דיר אין יעדער העלער נאַכט,
אַהיים, דורך אַלע טונקלע וועלדער יאָגן.

און וועסט ניט שרעקן זיך פאַר וואַלד־גזלנים,
ווייל טריפן וועט פון בליק א כישופמאַכט,
און בליען וועט אַ וואונדער אויף דיין פנים.

סטעפּ אין לבנהנאַכט

איך האָב דעם ספר וואָנדערטאָג פֿאַרמאַכט,
און אויסגעשפּרייט די רו ווי בלויע קרעפּ,
ווען ס׳האָבן גראָזן אין דעם ווייטן סטעפּ
שוין אָנגעהויבן רויטלען אין פֿאַרנאַכט.

האָב איך דעם הימל אָנגערירט, געמאַכט
אַ צייכן, האָבן זיך די גאָלדענע טרעפּ
אַראָפּגעלאָזט פֿון אויבן ביז צום סטעפּ.
גערופֿן האָב איך עס: לבנהנאַכט,

און עס פֿאַרשריבן אויפֿן זילבערטייך
מיט צווייגן פֿון די שכנותדיקע ווערבעס —
די וועכטער פֿון דעם וואַסער־קיניגרייך.

און אין די שילפֿן־וועלדער האָבן זשאַבעס
געקוואַקעט וואונדער פֿון דעם בלויען סטעפּ,
וואָס חלומט זיך אַרויף די גאָלדענע טרעפּ.

אָוונט ביים פּרוט

איך וואַנדער דײַנע וואַסערן אַנטקעגן,
די שטילע ווערבעס זענען מײַנע טריט.
סע נעמען מיך די אָוונט-דערפער מיט,
וואָס טוליען זיך צו דײַנע טונקלע ברעגן.

מײַן בליק שיקט דיר די דעמערונג אַנטקעגן.
אַ זונפאַרגאַנג צעבליט זיך אין מײַן בלוט.
אין מיר צעגיסטו זיך, פאַרקלינגט, אָ, פּרוט,
דײַן מורמל־ליד געזאַנג פון אונדזערע וועגן.

פון דײַנע גרונטן רוישט אַרויס די נאַכט,
וואָס דעקט די איינזאַמקייט מיט שטערן צו.
סע זענען אַלע וועגן שוין פאַרמאַכט,

נאָר איך און דו, געפינען ניט קיין רו.
דו קוועלסט, און קיינמאָל וועסט ניט בלײַבן שטיין,
און איך שפּאַן דיר אנטקעגן, איין אַליין.

דער פרוט

(רומעניש פאָלקסמאָטיוו)

פרוט אין דיין פאַרשאָלטנקייט,
ווערן זאָלסטו טיף און ברייט,
ווי דער מבול ווילדערהייט!
ברעג זאָל ניט אַ ברעג דערזען,
קול זאָל ניט אַ קול פאַרשטיין,
בליק זאָל ניט צו בליק דערגיין,
אין דיין גאַנצער, גאַנצער לענג!
ווען דער היישרעק זיך פאַרמערן,
זאָל ער דאָ דערטרונקען ווערן!
און די כאָליערעס און קרענק
אין דער מיט, אָ, פרוט, דערטרענק!
אונדזערע שונאים וואָס צעשטערן
זאָלן דאָרט דערטרונקען ווערן!
אָבער דו זאָלסט אויף די כוואַליעס
זיי אַלץ ווייטער, ווייטער טראָגן,
ביז צום גרויסן דונאַי שטראָם,
צו דער דונאַי און צום ים!

אָוונט אין דאָרף

בילן שוין אין דאָרף די הינט,
רייסן זיך פון קייטן,
וועט דער אָוונט זיך שוין באַלד
איבערן דאָרף צעשפּרייטן.

ס׳טרינקען גוים דעמערווייז,
טרינק איך אויך אַ בעכער.
נידערט אָוונט שטיל אַראָפּ
פון די שטרויענע דעכער.

דעמערונג אין די קאַרפּאַטן

ס'פּאַרדעמערן שוין די בערג אין טונקלבלוי,
און איבערן האָריזאָנט פון די קאַרפּאַטן
גייט אויף, אין זיידן שלייער ליכט — אין זילבערמאַטן
געהילט, דאָס וואונדער פון דער אָוונטפּרוי.

ס'ווערט שטיל אַרום און אומעטיק אַזוי,
ס'איז צייט דעם טונקלען וואַנדערוועג, דעם ווייטן,
פאַר אָוונטרו און פאַר אַ טרוים פאַרבייטן,
אין גראָז אַנידערפאַלן ווי אַ פּערל טוי.

און חלומען אַזוי ביז זונאויפגאַנג,
און ווי דער אָדלער אויפן פעלדזנשטיין
דערוואַכן מיטן פאַסטוכס פּלייטגעזאַנג.

און ווי דער לויטערער קאַרפּאַטן קוואַל,
פאַרקוועלן שטילערהייט אין וואַלד, אַליין,
און אייביק רוישן ווי דער וואַסערפאַל.

נאַכט אין וואַלד

אַלע פייגל שלאָפן נאָך אין מיר.
העל קלינגט נאָר דאָס גלעקעלע פון גלאָז.
אויבן אינעם טורעם פון מיין נאַכטשלאָס
קלינגט דאָס העלע גלעקעלע פון גלאָז.

אַלע פייגל שלאָפן נאָך אין מיר.
ווי אַ וועכטער היט איך זייער רו.
נאָר די סאָווע ערגעץ וואו אין וואַלד,
קלאָגט און רופט: בו־הו, בו-הו.

דער בוים

ס'טראָגט זיבן צעשטערנטע הימלען דער בוים,
אויף זיינע צעפלאָכטענע צווייגן, און קוים.

מיר דאַכט זיך, סע הייבט גאָר אַ מלאַך אים אויף
און שוועבט מיט אים העכער, אַלץ העכער אַרויף.

ער וואַקסט? ניין ער רוישט זיך אין הימל אַריין,
און איך מיט מיין שיכורן בליק וויג אים איין.

פרימאָרגן

אַ זומערדיקער הימל אין קאַיאַר
אַנטפּלעקט די ערד ווי תמיד אינדערפרי,
אין אַ געזאַנג פון ערשטן פויגלפלי,
דערמאָנט די שיקסעלעך: דער טאָג איז קלאָר,

קעמט גיכער אייערע ווייצן־בלאָנדע האָר,
ס'איז צייט שוין פּאַשען גיין די שאָף און קי,
די פייגל טרעלן שוין אין ערשטן פלי
אַ לויבגעזאַנג דעם מאָרגן, אין דער וואָר.

אויף אַלע פעלדער ריטמישע באַלעטן;
די שלאַנקע ווייץ און גאָלדענע קאָרנזאַנגען
האָט צו אַ מאָרגנוואַלס דער ווינט פאַרבעטן.

און אויך דער וואַלד וויברירט שוין פון געזאַנגען;
ס'האָט שיכרות פון די סאַמעטענע צווייגן
פאַרטריבן מיטאַמאָל דאָס טונקלע שווייגן.

דער שמעטערלינג

אין פאַרבן און אין טוי פון יעדער בלום
דערקענט זיך שמעטערלינג ווי אין אַ שפּיגל,
נאָר מיד טראָגט ער אויף זיך דעם פּורפּורזיגל
פון איינזאַמקייט. אַן אומעטיקער, שטום,

צעשפּרייט ער זיינע רעגנבויגן־פליגל,
דערהייבט און לאָזט אַראָפּ זיך אומעטום
פאַרטרוימט. מיר דאַכט זיך, פלאַטערנדיק אַרום,
וויגט ער די בלומענוועלט אין חלום־וויגל.

פאַרלירט זיך אין אַ וואַלד פון היאַצינטן,
פון וויאָלעטע גלעקלעך, וואָס צעקלינגען
אין ריטם שטיל זיך, אין דעם טאַנץ פון ווינטן,

און ווערט אין טוי דערטרונקען, אין די טרערן
פון גרויע נאַכטיגאַלן, וואָס באַזינגען
דעם טויט, דעם אומעט פון פאַרלאָשן ווערן.

היטל, שטעקן, און איך גיי

כ׳וואַרף אַ קוק אַרויף צום הימל,
הענגט די זון אויף זייגער צוויי.
גרייט איך אַלצדינג צו צום וואַנדערן,
היטל, שטעקן און איך גיי.

קום איך מיר אַרויס פון שטעטל
נעמט דאָס פעלד מיך פאַר דער האַנט,
פירט מיך און איך לאָז זיך פירן,
ס׳איז דער וועג מיר ניט באַקאַנט.

באָדן פייגל זיך אין טרעלן,
פיקעט אַזש פאַר פרייד דאָס האַרץ.
איך באגעגן ווייטע פעלדער
פריש־געאַקערטע, נאָר שוואַרץ.

װעלדער ברױנע װי פֿאַרזשאַװערט,
נאַקעטע, ניט אױפֿגעבליט.
נאָר אין דאָרף די קאַרשנבײמער
פּוצן זיך מיט װײַסן צװײַט.

טרינקען זאַט זיך אָן די אױגן
פֿון די פֿאַרבן אַלערלײ.
נאָר איך מוז אַהײם שױן שפּאַנען,
היטל, שטעקן און איך גײ.

ווינטער לאַנדשאַפט

סע האָבן ביימער ווידער זיך צעבליט,
די צווייגן שווער באַהאַנגען מיט קריסטאַלן.
גיסט פרייד זיך פון די אויגן ווי פון קוואַלן,
און קושט דעם אויפגעבליטן ווינטערצוויט.

און זילבערווייסע שמעטערלינגען פאַלן,
פאַרדעקן זיי דעם קלאַנג פון מיינע טריט.
ס׳באַדט מיין נשמה זיך און מיין געמיט
אין גלאַנץ פון דימענטן און פון אָפּאַלן,

און פלאַטערס פאַלן. ווי אַן אומבאַפלעקטע,
פון טיפער איינזאַמקייט אַ צוגעדעקטע,
ליגט איצט די לאַנדשאַפט אין איר זיידן העמד.

וואַראַנעס שוואַרצע קראַקען בייז און פרעמד,
ווייל מיינע וואַנדערטריט באַפלעקן, שענדן,
דעם פרישן שניי — אַ יונגפרויס זילבערלענדן.

פראָסט

פראָסט אין מיינע דינע קליידער
קריצט מיט שאַרפע קאַלטע ציין.
כאָטש עס ציטערן די ביינער,
לאָז איך זיך נאָך ווייטער גיין.

אפשר ווייסטו גאָר, וואָראָנע,
וואוהין סע פירט מיין וועג אַצינד?
זיי מיר מוחל, זאָג איך בעט דיך
וואָס צערעווען זיך די הינט?

אָפּשייד פון טשערנאָוויץ

דאָס גאָלדענע ליכט טאַנצט העלער דיר אַנטקעגן,
אַ יום־טובדיקע פרייד גיסט זיך שוין לאַנג
פון הימל, ס׳דאַכט זיך יעדע קאַרנזאַנג
וויגט פולער זיך געזאלבט פון חלום־רעגן.

נאָר דו בלייבסט שטיין, און עפּעס טוט דיר באַנג,
ווי ס׳וואָלט אַ כמאַרע אויף דיין האַרץ געלעגן.
באַלד וועסטו וואָגלען אויף די פרעמדע וועגן,
און דו וועסט בענקען נאָך אַ גאָלדענער זאַנג.

טרינק כאַטש די אויגן אָן מיט אַלץ וואָס ליגט
צו דיינע פיס און בענטש נאָך היינט דיין טריט!
טאָנץ איינמאָל מיטן ווינט נאָך, וואָס צעוויגט

דאָס פעלד, און רייסט דיך אין זיין ריטם מיט!
באַלד וועט דיין גורל ערגעץ איבער ימען
דיין לעצטן טרוים און האָפענונג פאַרסמען.

הימל אין ווענעדיג

ביסט מוחל אויך די ברודיקע קאַנאַלן,
אָ, הימל! — ווי דער בליק פון יעזוס קריסט.
די אַלטע געסלעך שמאַלינקע און וויסט,
און קרומע ווי זיי וואָלטן זיך צעפאַלן,

פאַרברידערסטו מיט אַלע קאַטעדראַלן.
און די קאַנאַלן וואו אַ יעדער גיסט
דעם נאַכט־טאָפּ אויס, צי שיט אַריין דאָס מיסט,
פאַרוואַנדלסטו אין רעגנבויגן־קוואַלן.

אָ, הימל! ווען סע ווערט דער אָטעם שווער,
ווייל ס'הייבן ריחות פון צעפוילעניש
זיך אויף, און ס'דאַכט זיך אויס אַ יעדן גר,

אַז ווענעציאַנער האַנדלען נאָר מיט פיש,
אַנטפּלעקסטו אַלץ אַזוי, אַז איך פאַרגעס,
וואָס איך בין נאָר דער אָטעם פון אַ מת.

ליד

וואָס איז פֿאַרגיין דעם וואָס שוועבט מיך אַוועק ?
אַ פֿויגל, אַ פֿויגל אַזאַ.

און וואָס איז דער פֿויגל וואָס טרעלט מיך אַרויף ?
אַ חלום, אַ חלום אַזאַ.

און וואָס איז דער חלום, וואָס היילט מיין וויי ?
אַ פֿרעג שוין ניט, פֿרעג שוין ניט, שאַ.

Mt. Beacon

א.

די בערג, דער האָדסן אונטער זיי
צעגיסן זיך אין בלוילעך ליכט.
און איבער זיי דאָרט אָדלערס צוויי
פאַרוואונדערט ווי אַ מענטשל קריכט,

און דראַפּעט זיך דעם פעלדז אַרויף,
און טרוימט דאָס איז די גאַנצע וועלט,
קלויבט שוואַרצע אָזשעגעס צונויף
און קוועלט פאַר פרייד און קוועלט.

ב.

וועט זיך דער ווייטער הימל מיט אַ בליץ צעשמייכלען,
צי ס'וועלן דונערנדיק די וואָלקן־וועלדער לאַכן,
מיין בליק איז שאַרפער, גיכער ווי דער פורפורבליץ,
און איך קאָן אויף אַ קול נאָך דונערדיקער לאַכן.

ג.

פון מיינע פלייצעס הענגט דער הימל —
אַ גרויער וואַנדערזאַק אַראָפּ.
פון באַרג צו באַרג אַ שפּרינגענדיקער,
צערייס איך די וואָלקן מיט מיין קאָפּ.

נאָר וויל איך — כישוף איך צוויי פליגל
פון מיינע ביינערדיקע הענט,
און טו זיך אין דער וועלט אַ שפּיגל,
וואָס ליגט א האַרבסטיקע פאַרברענט.

פורפורנע אויגן

רעפלעקסן פּורפּורנע פון אַ רובין
טרינקט אויס די דעמערונג פון מיינע אויגן,
וואָס זענען מיט דער זון אַוועקגעפלויגן
און אַלץ באַגאָסן וויאָלעט קאַרמין.

ליגט אַוונט שוין אַ בלויער אויסגעצויגן
אויף מיינע וועגן וואו די שאָטנס בלי'ן.
סע פירט מיך אומרו ווייטער, נאָר וואוהין?
באַלד וועט זיך דאָך די נאַכט פאַר מיר פאַרנויגן.

און ווי די בלויע בערג, ווי די סאַפּירן
פון האָריזאָנט, וועל איך אין טונקלקייט,
אַ פרעמדער, דאָ פאַרגיין און זיך פאַרלירן.

נאָר דעמאָלט ווען איך גיי אַזוי אַליין,
באַגלייט אַ פלעדערמויז מיך און צעשפּרייט
די שטילקייט ווי אַ טרייסט פאַר מיין געוויין.

פֿאַרגיין

א.

באַלד וועלן אויך די אַסטערן פֿאַרוויאַנען,
זיי בייגן זיך שוין מידע אין פֿאַרגיין.
נאָר איך טו תפֿילה נאָך, און מיין געוויין —
מיין ליד שוועבט מיט דער שוואַלב אַוועק פֿון דאַנען.

שטיי איך אַ גרויע ווערבע דאָ, אַליין
ביים גרויסן טייך מיט זילבערנע פֿאַנטאַנען.
סע זינגט מיין בלוט דעם טויטגעזאַנג פֿון שוואַנען,
באַלד וועט די נאַכט מיך און די ערד פֿאַרשטיין.

סע ווערן האַרבסטיקער אין מיר די וועגן,
באַדעק איך זיי מיט שטאַרבנדיקע טרוימען,
נאָר ווי מיט בלעטער אין אַ קאַלטן רעגן.

סע זינגט מיין בלוט, הייבט שטאַרקער אָן צו שוימען,
און ס'בענקט שוין נאָך פֿאַרוואַנדלונג יעדער אבר.
ס'וועט קילער מאַך פֿאַרדעקן באַלד מיין קבר.

ב.

עס הילט מיך איין די כמאַרע פון פאַרגיין.
אַ רוישנדיקע כוואַליע פון אָקעאַן —
צעשפּאַלט איך זיך אויפן פעלדזנשטיין.
ווי לאַווע קאָכנדיקע פון וואולקאַן,
פאַרשטיינערט ווער איך, אַזוי האַרט.
מיין האַר! איך ליג אין דער פאַרגליווערונג,
און וואַרט אויף דיר, און וואַרט.

האַרבסט

א.

פאַרזשאַווערט זענען שוין די וועלדער
און פיבערן רויט, פאַרלעשן זיך.
— איך בין דער לעצטער זומערפויגל
קיינער מער אין וואַלד, נאָר איך.

און אפשר נאָך א נאַר אַזוינער,
וואָס האָט די אויגן שטיל פאַרמאַכט,
ווייל ס׳פאַלן געלע טויטע בלעטער
ווי שטערן אין אַ זומערנאַכט.

ב.

יעדער בוים האָט זיין גאָלד שוין פאַרשענקט,
נאָר דער האַרבסט בעטלט אַלץ נאָךביים פלויט.
ערגעץ ציטערט מסתּם, ערגעץ בענקט,
נאָך אַ בלעטל און ווײַנט פאַרן טויט.

יעדער בוים שטייט שוין איינזאַם און גרוי,
נאָר דער האַרבסט בעטלט אַלץ נאָך ביים פלויט.
ס'גייט אין וואַלד מיט אַ האַק שוין דער גוי,
ערגעץ ווײַנט שטיל אַ בוים פאַרן טויט.

האַרבסט־סאָנעטן

א.

פאַרוואַנדלט מיטאַמאָל האָט זיך שמאַראַנד,
און אויך דאָס גרינע סאַמעטקלייד פון בלעטער,
אין פלאַמען, אין רובינען, אַלץ וויאָלעטער
צעשימערט האַרבסט זיך איבער וויטן לאַנד.

צעפלאַקערט דער אינפערן זיך, וועלט פון געטער,
און באַכוס מיט אַ רויטער האַרף אין האַנט
באַזינגט דעם וויין, באַזינגט דעם פּורפּורבראַנד,
באַלד אומעטיק און באַלד אַ ווילדער שפּעטער.

אָ, נעראָ! ווי אין פלאַמענדיקן רוים
שטיי איך אין וואַלד פון ברענענדיקע וועלדער,
און ס'דאַכט זיך מיר, אַז יעדן בוים

האָב אָנגעצונדן איך, ווי דו טיראַן!
העי ווינט! צעוויין זיך ניט פאַר טויטע פעלדער,
קום טאַנץ מיט מיר, אין שרפות מיך דערמאַן.

ב.

מיין יעדן טראָט מיט פעלד פאַרשפּינענדיק,
פאַרוויגן אָסיען־זילבערפעדעם מיך.
ס׳שוועבט זומער שוין אַוועק פון דאַנען גיך,
אויף אַ שמאַראַנד־ליבעלע רייטנדיק.

אַלץ מער פאַראיינזאַמט פילן פעלדער זיך,
און בלייכער בלויט דער הימל אין מיין בליק.
דאָס לעצטע זומערגאָלד — דער סאָנשעניק
ווערט שוין פאַרלאָשן און פאַרגייט ווי איך.

סע קראַקען שוין די קרעכצנדיקע קראָען
און פליען זיך צונויף פון אומעטום,
ווי אַלע מיינע בייזע שוואַרצע שעה׳ן.

ווען איך דערפיל זיך מיטאַמאָל אַליין,
נאָר שטיל דער וואַלד ווערט איצט אַנטשוויגן, שטום
דערציטערט פון זיין אייגענעם געוויין.

זעלנער

אויף האַרבסטיקע ביימער הענגט פּחד.
ס׳הייבט טויט אָן אַלץ העלער צו צוויטן.
מיר ווערן נאָר ווייטער געטריבן
די דערפער אין פלאַמען צו היטן.

און איז ערגעץ וואו נאָך אַ יום־טוב,
צעשטערן מיר שמחות אין מיטן.
מיר שפּאַנען ווי אייזערנע גולמס,
און לערנען זיך קברים פאַרשיטן.

וואַנדערער אין האַרבסט

היל איצטער אין שטורעם זיך איין,
כאָטש וואויענדיק איז ער און קאַלט.
און פלי אין אַ חלום אַריין,
פאַרוואָלקנטע אָסיענגעשטאַלט.

צי פילסטו ווי אַלצדינג פאַרגייט,
און הויכט אַלע שוואַלבן אַוועק ?
ווי נאָענט דער טויט וואָס צעשיידט.
ס׳פאַרדעמערט דיין האַרץ שוין פאַר שרעק.

צי זעסטו דעם מלאך, וואָס טרייבט
די פינצטערע וואָלקן אַהער ?
ס׳פאַרוואַנדלט דער הימל זיך, בלייבט
אַזוי טרויעריק הענגען און שווער.

צי אפשר בליט איצט גאָר דיין טרייסט,
בעת סע פאַרפורפורט דאָס לאַנד?
וואָס ווייסטו אין דיר נאָר און גייסט,
און האַרבסטיקסט אַריין אין דעם לאַנד?

היל איצטער אין שטורעם זיך איין.
כאָטש וואויענדיק איז ער און קאַלט.
און פלי אין אַ חלום אַריין,
פאַרוואָלקנטע אָסיענגעשטאַלט.

אַפּאָקאַליפּטישע רייטער

פאַרפינצטערטע ווי דעמער־סילועטן,
געשפּענסטיש איינגעהילט אין טונקלע טיכער,
סע יאָגן אין גאַלאָפּ פון טויט אַלץ גיכער,
אויף שקאָפּעס ווילדע, רייטער ווי סקעלעטן.

אַרום אַ באַרג פון ברענענדיקע ביכער,
אין רויטן שרפה־שימער און וויאָלעטן,
מלחמה־טענץ ווי פערדישע באַלעטן,
און ס׳שטורעמט משוגעת צום טאַקט אַלץ גיכער.

צי טרייבט פאַרצווייפלונג די באַרבאַרן־רייטער
אַלץ מער אין כאַאָסדיקער נאַכט אַריין,
צי מאַלאַך, דו, ביסט דער וואָס יאָגט זיי ווייטער,

דו, וועמען ס׳דאַרשט נאָך אונדזער קינדערישן זיין,
האָסט אומעטום אַ צלם אויפגעשטעלט
פאַר אַ געהייליקטער מאַרטירער־וועלט ?

פרילינג אין שפאַניע 1938

הערט איר דעם זומערפויגל ווי ער טרעלט?
אַ קינדערלעך, דאָס איז דער פריידגעזאַנג,
וואָס מיר דערוואַרטן בענקענדיק שוין לאַנג,
ער זאָל דערקוויקן אונדזער האַרץ — די וועלט.

וואָס הערט זיך אָבער אַזאַ ווילדער קלאַנג?
צי האָט ניט איצט אַ פייגעלע געטרעלט?
מיר דאַכט זיך, אַז דער אַלטער קלויסטער שעלט,
און נאָר אַ קראַ קרעכצט אויס אַ טויטגעזאַנג.

אָ, זע ווי ס׳טרוימט אַ פורפורנער דער באַרג!
איז אפשר איצט דאָס לעבן אויפגעגאַנגען
פאַר אונדז? ניין קינדער, דאָרטן יענער באַרג,

וואָס וויל דעם הימל מיט זיין שפּיץ דערלאַנגען,
האָט זיך מיט פייער און מיט טויט צעשפּיגן
אויף זקנים, מאַמעס, קינדערלעך אין וויגן.

דער נאַכטוועכטער

אין אַלע פינצטערע און שטומע גאַסן,
ווי קאַטאַקאָמבעס פון אַ קוילנשאַכט,
פייף איך דער וועכטער אויס די מיטן־נאַכט,
וואָס חלומט פון לבנה־ליכט פון בלאַסן.

און נאָר די בולעוואַרן און טעראַסן
אין פורפורנער גהינומדיקער פּראַכט,
זיי זענען ווי צום לעבן ערשט דערוואַכט,
און וואָלטן איינגעשלינגען אַנדערע גאַסן.

ווי פרעמד איך שטיי דאָ צווישןביידע וועלטן
און ווייס ניט וואו מיין היים איז, דאָ, צי דאָרט.
סע דאַכט זיך מיר, איך הער דעם הימל שעלטן:

„פאַר איינזאַמע געפינט זיך ניט קיין אָרט".
אָ, אייביק שפּאַן איך אין דער נאַכט אַריין —
איך וועל מסתם איר ווייסער קרבן זיין.

ליד

ס׳קושט דער חלום די מידע ביינאַכט,
יעדער איינער האָט איצטער שוין רו.
כ׳וואָלט שוין אויך מיינע אויגן פאַרמאַכט,
אָ דערלייז מיך שוין, אייביקע רו,
פון מיין שפּאַנען אין אייביקער נאַכט.

בייט

גאָט! פֿאַר אַזאַ פינצטער לעבן
קאָן איך גאָרניט, גאָרניט געבן.

סיידן ס'איז מיר אויך געבליבן
עפּעס פון די גוטע זיבן.

גיב איך אַלע גוטע יאָרן,
פֿאַר אַ ליבן בליק אַ קלאָרן.

צו אַ דיכטער

אָ, וויפיל מושלען מוז דער ים צעשווענקען,
אַז איינע זאָל דער טויכער בלויז געפינען,
און הייבן צו דעם ליכט, אַליין צערינען
אין ים־תהום, וואו ס׳דעמערט אונדזער בענקען.

סע וועלן טויכערס אייביק ימען שפּאַלטן,
און ימען וועלן שטורעמען אין צער.
די כוואַליעס וועלן שרעקן זיך דערפאַר,
צי וועט אַ ריינע האַנט די פּערל האַלטן.

נאָר אויף די ברעגן וועלן קרעמערס לויפן.
ס׳וועט קיינער הערן ווי אַ פּערל וויינט,
אין ליאַרמענדיקן פּילדער פון פאַרקויפן:

„אַן אוצר, ס׳איז דער שטיין פון די חכמים".
נאָר קיינער וועט ניט וויסן, אַז אַ פּערל וויינט,
און קיינער אַז די כוואַליעס זענען צלמים.

סאָנעט אין שוואַרץ

סע שטייען שוואַרצע וואָלקנס אויף דער לויער,
פֿאַרטונקלט זיך דער הימל פֿון קאָבאַלט,
און מיטאַמאָל צעוויינט זיך דער אַספֿאַלט,
פֿאַרטרויערט נאָר ווי איך, דער טונקלגרויער.

און מיטן טריבן רעגן איבערפֿאַלט
מיך אויך אַ טיפֿער אומבאַקאַנטער טרויער.
נאָר כ׳פֿיל אַצינד פֿון יעדער טרער גענויער,
אַז ווײַ צו מיר, פֿאַרחלומטע געשטאַלט.

וואָס שפּאַנט אַרום אַן אומעטיקער נאַר,
פֿאַרפֿינצטערט און פֿון קיינעם ניט דערקענט.
טרינק איך דעם רעגן ווי דער טראָטואַר,

און לויף, אַנטלויף צו מיר אַהיים אַלץ גיכער.
סע וואַרטן שוין אויף מיר פֿיר פּוסטע ווענט,
אַ בעט, אַ טיש, אַ פּאָר פֿאַרשטויבטע ביכער.

די שוואַרצע קאַץ

שפּאַן איך אין מיין חלום-לאַנד
מיר מיין גליק אַנטקעגן,
פּלוצלינג לויפט אַ שוואַרצע קאַץ
איבער מיינע וועגן.

שמייכל איך: פרוי קאַץ, איך האַלט
ניט פון באַבסקע זאַכן.
הייבט די קאַץ אָן ווי אַ לץ
מיאַווקענדיק צו לאַכן.

גיב איך איר אַ צי ביים עק,
פּרואוו זי פון מיר טרייבן.
וויל זי ניט פון מיר אַוועק,
מאַכט דעם אַנשטעל בלייבן.

ליבע קאַץ! כ׳האָב ניט קיין צייט,
מיט איך צו פאַרווײלן;
שטעכט זי מיט די אויגן מיך
ווי מיט גרינע פיילן.

טראַכט איך: אפשר ווי אַ האָן
אָנהייבן צו קרייען.
קוקט זי ברויגעזער מיך אָן,
הויקערט זיך אין צווייען.

אפשר האַווקען ווי אַ הונט,
פּרואוו איך אויף דעם אופן.
קומט איר צו אַ שטיק געזונט,
און וויל ניט אַנטלויפן.

לויף איך אין אַ וואורשטלקראָם,
און קויף איר אַ וואורשטל.
שמייכלט זי שוין: איצט דערלאַנג
עפּעס נאָך צום דורשטל.

ברענג איך זיסן קאַטערוויין,
מיר א סעלצער־וואַסער.
פאַלט די נאַכט אַלץ מידער איין,
ווערט אַלץ בלאַס און בלאַסער.

איז די קאַץ שוין מער ניטאָ,
ניט איר שוואַרצער שאָטן,
וואָס האָט ווי אויף יענער וועלט
מיך אַזוי געבראָטן.

איצט האָב איך די שוואַרצע קאַץ
מער שוין ניט אין זינען.
און אַפילו ניט מיין גליק
וואָס כ׳קאָן ניט געפינען.

טרייסט

ווי שוואַרץ סע זאָל
דער טאָג ניט זיין,
געפין איך אַלץ אַ טרייסט און זאָג:
מיין האַרץ קאָן האַלטן נאָך די וואָג.

כ'טראָג נאָך אין בליק
אָזויפיל פרייד,
אַז יעדער טאָג וואָס טאָגט אַריין,
קאָן ווען איך וויל אַ יום־טוב זיין.

L'INCONNUE DE LA SEINE

געבענטשט זיין און ווי דו, פון גוף צעשיידט,
דעם לעצטן הויך וואָס ציטערט נאָך דערטרעגקען
אין רו, ניט פילן ווי די כוואַליעס שווענקען
די ברעגן פון דיין שמייכל שטילערהייט —

אָ, נאָר דער טויט קאָן אונדז דאָס אַלצדינג שענקען
וואָס מיר דערחלומען ניט וואַנדערבדיקערהייט.
די סען וועט אייביק אין איר איינזאַמקייט
דיך ווי אַ תפילה רוישנדיק געדענקען.

מיר אַלע זענען ליכט געווען, און היינט
פאַרגייען מיר און זענען ווי די נאַכט.
ווי ריין, ווי צנועהדיק האָסטו געשיינט,

וואָס דו האָסט נאָך דיין ליכט צוריקגעבראַכט,
און נאָר אַראָפּגעלאָזט די וויעס קוים,
דערהייבנדיק זיך צו דעם וואונדערטרוים.

צו אַ קראַנקן־שוועסטער

אַזויפיל איינזאַמע קאָנסטו פאַרשטיין,
און יעדן ווייסטו עפּעס שיינס צו זאָגן.
העלפסט תמיד צער און טויטשרעק אונדז פאַריאָגן,
דיין טרייסט צעשטערט דעם חלום פון פאַרגיין.

אָ שוועסטער, לאָז מיך קיינמאָל ניט אַליין,
ווייל ס׳קריכן טעג פּאַמעלעך דאָ און נאָגן.
און אין דער נאַכט ביז ווען סע הייבט אָן טאָגן,
לאָז שוועבן איבער מיר דיין ווייסן חן.

דערציייל פאַרוואָס די אויגן דיינע זינגען,
און טרויערן אַזויפיל צער אַרויס ?
פאַרוואָס סע ווערן אָוונטיק די רינגען

אַרום דיין בליק וואָס טרייסט נאָר אַנדערע בלויז ?
צי הערסטו שוין מיין לעבן שטיל פאַרקלינגען,
פאַרוואָס, אָ שוועסטער, זעסט אַלץ מידער אויס ?

ציגיינערין־אַפראָדיט

דער אומעטגלאַנץ פון דיינע אויגן־קוואַלן
אַנטפּלעקן מיר דעם כּישוף פון אָריענט,
דאָס מאָרגנלאַנד אַ פאַרבן־אָרנאַמענט,
די פּאַלמענוועלט וואו ס׳וויינען די שאַקאַלן.

דיין בליק, פאַרדעמערט ווי דער פירמאַמענט,
בעת די פונקלדיקע נאַכט-קריסטאַלן
פאַרלעשן זיך און הייבן אָן צו פאַלן
אַלץ בלייכער אין אויראָראַס ראָזע הענט.

אָ, בראָנז־געברוינטע געטין אַפראָדיט!
נאָמאַדנקינד מיט ליפּן פון רובין,
קראָשוואַרצע צעפּ און ציין פון קאַרשנצוויט,

וואָס וויינסט זיך אויס אין נאַכטיגאַל׳שע טרעלן,
און לאַכסט ביים טאַנץ ביים קלאַנג פון טאַמבורין,
און שענקסט אַוועק זיך פאַר אַ שניר־ל קרעלן.

בריוו צו אַ קאַבאַרעט־ טענצערין .

אַ, צאַרטעסטע פון אַלע נאַכט־ליבעלן ;
דו שוואַרצע טענצערין פון קאַבאַרעט,
וואָס שוועבסט ווי ליכט איבער דעם טאַנצפּאַרקעט,
און לייכט נאָר ווי די פלינקסטע פון גאַזעלן.

דיין שמייכל ווינקט פּאַרפירעריש, קאָקעט,
קאָנסט אויך דעם טרויער פון דיין בליק פּאַרשטעלן,
ווייל דו מוזט פריילעך זיין און מוזט געפעלן,
אַ, שוואַרצע טענצערין פון קאַבאַרעט.

גאַרמאָשקעס זיפצן אויס דיין טיפן וויי,
און ס׳וויינען שטילע האַוואַיאַן־גיטאַרן.
דאָס לעבן דרייט זיך, טוט זיך נאָך אַ דריי,

פּאַרגייט ווי בלויער אָטעם פון ציגאַרן.
דיר, שוואַרצע טענצערין פון קאַבאַרעט,
מיין צאַרט סאָנעט,
אַ טרויעריקער פּאָעט.

צו . . .

א.

ווי נאָך אַ רעגן שמעקט דאָס פעלד
און אַלע גרילן ווידער.
דו שטייסט ווי תמיד פאַר דיין הויז
און קעמסט די האָר די לאַנגע ווידער.

מיר דוכט, אַז אַלע גראָזן־ריחות
דערהייבן זיך פון דיינע האָר.
איך שטיי פאַרשיכורט פון דער ווייטנס
און בענטש נאָך־רעגנדיקע וואָר.

ב.

פאַרוואָס די טונקלע עפּל פאַלן,
אין פייכטן גראָז פון גאָרטן פאַלן?
מסתמא מוז דאָס אַזוי זיין.

אָ, אין אַ נאַכט פון אויגוסט פאַלן,
אַזויפיל וואַנדערשטערן פאַלן.
אויך דאָס מסתם מוז אַזוי זיין.

באַלד וועסטו אויך אַוועק, און פאַלן
וועט פון דיין בליק אַ לעצטער גרוס.
און עפּל טונקלע פון דיביימער
און וואַנדערשטערן אויפן הימל
זיי וועלן ווייטער, ווייטער פאַלן.

צו . . .

שוין ציטערט ליכט פון מאָרגנפרי
אַרום דיין פענצטער און דיין טיר.
דו דרעמלסט נאָך, נאָר אויף די קני
וואַכט עמעץ שוין און בעט פאַר דיר.

און עפנסטו די אויגן קוים,
דער מאָרגנשיין פאַלט אויף דיין בעט,
און קרוינט דיך, ווי די זון דעם בוים;
נאָר עמעץ וואַכט שוין לאַנג און בעט.

דערזעסטו ווי אין תפילה קניט
דער וואַנדערער און הייבט פאַר גליק
די אויגן אויף צו דיר, צעגליט;
דו לאָזט אַראָפּ פאַרשעמט דיין בליק.

איז ער אַוועק שוין און באַהאַלט
זיין פּנים אין די הענט, און וואַכט
ביז ווען דער שלייער אָוונט פאַלט,
בעט אַלץ און וואַכט אַ גאַנצע נאַכט.

FRUNZA VERDE

צום אָנדענק פון די פּאָגראָם־קרבנות פון
רומעניע, געפאלן אין יאָר 1941.

FRUNZA VERDE

פרונזאַ ווערדע — גרין דאָס בלעטל,
חרוב שוין דאָס גאַנצע שטעטל,

נאָר דער וואָלעך וואָלעכט ווייטער,
און צינדט אָן אַ נייעם שייטער.

זאַווערוכעט ער, און פלאַמען
שטורעמען מיט אים צוזאַמען.

שטורעמט ער אויף אַלע דעכער
און הייבט אויף די האַק נאָך העכער.

וויל דעם הימל גאָר דערגרייכן
איינצושפּאַלטן דאָרט זיין צייכן.

לאָזט די שווערע באַרדע פאַלן
איבער אידישע קוואַרטאַלן.

פון פלאָיעשט ביז סאַטומאַרע
ווערט אַלץ פינצטערער די כמאַרע.

אין גאַלאַץ און טימישאַראַ,
טאַנצן מאָרד און רויב אַ האָראַ.

וואָלעכעס און מאָלדאַוואַנעס
אין די בלוטבאַפלעקטע סטאַנעס,

ווער אַ האַק און ווער אַ מעסער,
אויגן ווילדע ווערן גרעסער,

זענען אַלץ נאָך ניט צופרידן
מיט אַזויפיל בלוט פון אידן.

פרונזאַ ווערדע — גרין דאָס בלעטל,
אָבער חרוב אונדזער שטעטל.

II

פרונזאַ ווערדע — אַלטער ניגון,
קלינגסט דאָך היינט שוין ווי אַ ליגן,

ווייל די בלעטער זענען רויטע
פונעם בלוט פון מיינע טויטע.

וועלכע ליגן ניט באַגראָבן,
פאַר די הינט און פאַר די ראָבן.

וועלכע ליגן ניט באַרגאָבן,
זאָלן זיי כאָטש רו דאָרט האָבן,

מיינע טויטע ברידער, שוועסטער
צווישן טיסאָטייך און דניעסטער.

נאָר דער וואַלד וואַלעכט ווייטער
און צינדט אָן אַ נייעם שייטער.

פון פלאָיעשט ביז סאַטומאַרע
ווערט אַלץ פינצטערער די כמאַרע.

אין גאַלאַץ און טימישאָראַ
טאַנצן מאָרד און רויב אַ האָראַ.

טאַנצן נאָך אַרום דעם פייער,
וואו ס׳ברענט אַלץ וואָס איז אונדז טייער.

וואָלעכעס און מאָלדאָוואַנעס
אין די בלוטבאַפלעקטע סטאַנעס,

זענען אַלץ נאָך ניט צופרידן
מיט אַזויפיל בלוט פון אידן.

פרונזאָ ווערדע — אַלטער ניגון,
קלינגסט דאָך היינט שוין ווי אַ ליגן.

III

פרונזאָ ווערדע — גרין דאָס בלעטל,
פאַר דער מאָרגע הענגט א צעטל.

און די אותיות דאָרט ברענען,
פייערדיקע נעמען ברענען.

פייערדיקע נעמען וויינען,
מיינע אויגן פּרואוון לייענען,

וואָס דער תליון האָט פאַרשריבן,
ווען ס'איז דער גוף געבליבן

ניט צעפרעסן נאָך פון ראָבן,
און נאָך ניט ווי הינט באַגראָבן.

אפשר וועל איך דאָרט דערקענען
יענע אותיות וואָס ברענען.

דעמאָלט וועל איך זיך פֿאַרשעמען
וואָס דאָרט צווישן יענע נעמען,

איז אויך מײַנער ניט פֿאַראַנען.
איז מײַן נאָמען ניט פֿאַראַנען.

אָבער וואָלעכעס אין סטאַנעס,
און די ווילדע מאָלדאָוואַנעס,

און די אַנדערע כוליגאַנעס
אין די בלוטבאַפלעקטע סטאַנעס,

שטורעמען אַרום דעם שײַטער
און זיי הוליען, הוליען ווײַטער.

פּרונזאַ ווערדע — גרין דאָס בלעטל,
אָבער חרוב אונדזער שטעטל.

געזאַנגען פאַר רות

(בוקאַרעשט 1939)

אינעם לאַנד פון טויזנט איינזאַמקייטן
וויל איך אונדזער ליד,
ווי וואַלדרו איבער וועג און שטעג צעשפּרייטן.

ווי דו פרילינגסט אויף אין מיינע אויגן!
אָ, לאָמיר ווי די קינדער זיין!
און וואַרפן מיר דעם טרויער — אונדזער גורל —
דעם טונקלען שטיין אין ים אַריין!

ווייל קינדער האָבן גאָרניט צו פאַרלירן,
און זענען ווי מלאכים רייך.
ווערט אפשר אונדז דער וועג אַזוי דערפירן,
אין לעצטן קעניגרייך.

ווייסטו וואו אונדזער קעניגרייך,
דערהייבט די בערג, צעגיסט די קוואלן?

דארט וואו מיין בענקשאפט וועט נאך דיר,
אויסוויינען טויזנט וואסערפאלן.

רויש מיר דיין ליד, זינגענדיקער וואַסערפאַל!
און שעפּטשע מיר דערקוויקונג צו, דו וועלדערקוואַל!
אַנטפּלעקט אייך איר, וואָס קוועלט אַראָפּ אין טאָל,
און לויטערט אין דער טיפקייט זיך צו זוניקן קרישטאָל!

שוימט טאַנצנדיקע ימען און אָקעאַנען,
סאַפּירענע און איר שמאַראַגדן־טייכן,
צי ס'איז נאָך עפּעס געטלעכערס פאַראַנען,
וואָס קאָן צו אירע אויגן זיך פאַרגלייכן?!

קוואַל מײַנער, וואָס בענקסט איך זאָל שוין טרינקען,
כ׳זאָל שעפּן דיך מיט תּאווהדיקע הענט.
אין חלום זע איך שוין דײַן זילבער ווינקען,
אָ, קוואַל, דו האָסט דעם וואַנדערער דערקענט.

נאָר וועל איך דיך, מײַן קוואַל, אַמאָל דערגרייכן?
צי ביסטו נאָר אַ חלום פֿון מײַן איינזאַמקייט,
און שענקסט דערקוויקונג ווי אַ וואונדערצייכן,
דעם וואַנדערער נאָך איידער ער פֿאַרגייט?

אַזוי אומענדלעך זענען אין מיין מדבר
די טעג פון וואַנדערונג געווען,
ביז איך האָב דיך, אָ מיין אָאַזע —
מיין חלום־לאַנד דערזען.

האָב איך אין תפילה זיך פאַרנויגט,
פאַרזינקענדיק אין שווייגן,
געזאָלבט פון דיינע שאָטנדיקע הענט —
צוויי ווילד צעבליטע פאַלמען־צווייגן.

אויף דיינע צווייגן גליט שוין יעדע פּירה,
און פּורפּורט אויף אין תאוווהדיקן רויט.
ווי סע שמעקט די זיסקייט פון עבירה,
און ס׳ווינקט פאַרפירעריש צו מיר דיין פלויט.

מיין האַנט וועט זינדיקן און וועט אַ פּירה רייסן,
ווייל איך וועל הערן וואָס די שלאַנג וועט זאָגן,
ס׳מעג גאָט אַפילו מיך פאַרשעלטן,
און פון גן־עדן מיך פאַריאָגן.

אין דיין נשמה וויגן זיך די ימען,
וואו ס׳וויינען אַלע וואַסערן אַריין,
דאָס ליד פֿון זייער וועג און זייער זיין,
און גיסן אין געזאַנגען זיך צוזאַמען.

לאָז דאָרטן מיך כאָטש ווי אַ מושל ליגן,
ביים ברעג פֿון דיין נשמה, אָ, ס׳זאָל
אין מיר פֿאַרבלאָנדזשען זיך דיין אייביק קול,
כ׳זאָל שטיל צערוישן עכאָדיק דיין ניגון.

און לאָז מיך ווי אַ חלום תמיד קושן
דיין פּנים, וואָס בעקנט אַזוי שטורעמדיק
כ׳זאָל זיך מיט דיינע וואַסערן פֿאַרמישן,

און זיך פֿאַרלירן אין דיין טיפֿן בליק.
אָ, אפשר וועל איך דאַן דיין ליד פֿאַרשטיין —
אַ טראָפּן נאַר, אַ טרער פֿון דיין געוויין.

זאַלב מיט דיין אָטעם מיך, דו ווייטע פרוי,
און שענק דעם הימל מיר פון דיינע אויגן.
כ׳וויל זיך אַנטפּלעקן דאָרט אַ רעגנבויגן,
און שפּיגלען זיך אין דיר, אַ ים פון טוי.

ס׳ליגט איבער אַלע וועלטן אויסגעצויגן
דיין קלאָרער הימל און ער שטראַלט אַזוי.
פאַרגייען מיינע שטערן בלאַס און גרוי,
זע, פאַר דיין ליכט קומט איצט מיין זון זיך בויגן.

אין יעדער טרער וואָס כ׳וויין נאָך דיר אין בענקען,
וואָס זילבערט אויף, און גייט אַזוי פאַרלוירן,
וויל איך דעם אומעט — אונדזער וויי דערטרענקען.

און זע איך טראָג אַ כאַאָסוויגעלע אין האַנט;
דו האָסט מיר דאָך אַ נייע וועלט געבוירן,
פאַרוויג איך אונדזער קינד אין חלום־לאַנד.

ביסט דאָך מיין היים, מיין טיפֿער וואַלד, וואָס פּילט
אין זיך ווי ס׳שפּראָצט אַרויס אַ יעדע פּלאַנץ
אין דער צעגרינטער אומעטוועלט, און גאַנץ
אין רוישן פֿון דיין וואַלדליד איינגעהילט.

ווי טרייסטו אַלע פֿייגל, אַלע האָזן,
ווען זיי דערפֿילן זייער לעצטן טרוים
אויף צווייגן אָטעמען פֿון יעדן בוים,
און זיך צעלייגן איבער אַלע גראָזן.

מיר דוכט, אַז איך וואַקס אויך אין דיר, צעבליט
אַ גלאָקן־בלום, און וויג מיך פֿרום אין ווינט,
און ס׳קלינגט מיין תּפֿילה שטיל צו דיר אַ ליד.

און ס׳דוכט זיך מיר, אַז דיינע שמעטערלינגען
פֿון ליבע האָבן מיך שוין גאַנץ פֿאַרשפּינט
אין דיר, און הייסן מיר אַלץ העלער קלינגען.

זענען עס די העלע קוואַלן, דיינע שטערן,
וואָס צעגיסן איבער מיר זיך ווי אַ רעגן —
ביז די פעלדער פון מיין בענקשאַפט ווערן

שפּראָצנדיק צעגרינט אין פרייד, און לייגן
זיך צו דיינע פיס אַנידער פול מיט גלויבן,
און אַנטפּלעקן צו דיין בענטשונג אַלע וועגן?!

װען ס׳גלעט דײַן זעפּיראָטעם װי אַ ניגון
דעם זומערדיקן װאַלד פֿון מײַנע האָר,
און ס׳חלומען מיך אָן, און אַזױ קלאָר
דײַנע שװאַרצע שטערן װאו סע ליגן

פֿאַרבאָרגן אוצרות לױטערע אַ פּאָר,
און װען מײַן אײנזאַמקײט װערט אױך אַנטשװיגן,
װײַל דײַנע הענט װאָס זאַלבן און פֿאַרװיגן
פֿאַרװאַנדלען יעדע רגע צו אַ יאָר,

װען ס׳ברענען דײַנע ליפּן — צװײ רובינען —
װי פּראָמעטעישע געריבטע פֿלאַמען,
און ס׳טראָגן דײַנע קושן װי די בינען

דעם נעקטאַר פֿון דער װעלט אין מיר צוזאַמען,
שװעבסטו אַלץ העכער איבער אַלץ דערהױבן,
װי אָרעם קלינגט מײַן ליד װאָס װיל דיך לױבן.

ביסט דאָך דער טאָג פון בראשית.
דיין ליכט גיט מיין שפּראָצונג אַ נאָמען.
איך וואַקס אין דיין טיפקייט
און צייטיק אַרויס פון דיין ערדשויס
און טראָג ווי אַ פּירה דיין זאָמען.

באַלד וועלן די זייערס
דעם זאָמען אויף פעלדער צעוואַרפן.
און תפילה־געזאַנגען —
די זאַנגען פון תבואה,
זיי וועלן זיך וויגן אין אַלע פיר ווינטן,
און אָטעמדיק קלינגען ווי האַרפן.

איך ווייס, נאָר ווער סע טראָגט אַ וועלט אין זיך,
און איז אַליין אַ זון קאָן דיך דערגרייכן.
איך אָבער פיל ווי אַלץ פאַרוואַנדלט זיך,
און נאָר מיין ליבע און מיין ליד זיי בלייבן צייכן

ווי ניט פאַרהיילטע וואונדן אויף מיין לייב.
ווי עכאָ וועל איך אָבער בלאָנדזשען, קלאָגן
אין אַלע וועלדער פון דיין איינזאמקייט,
ביז דו וועסט אויך מיין שאָטנבילד פאַריאָגן.

אָ, לאָז מיך פאַר דיין זאַנגיגער געשטאַלט
אויף מיינע קני אַ שטילע תּפילה קלאָגן.
איך וויל אַנידערפאַלן וידוי זאָגן.
און לאָז מיך דיין געהייליקט בילד וואָס שטראַלט, —
צעבליט ווי מאָרגן־דעמער, העל פון טאָגן,
ווען פּורפּור רעגן פאַלט
אַראָפּ אויף דיר און צייכנט דיין געשטאַלט —
אין מיינע אָוונטאויגן ווידער טראָגן.

סע שטראַלן דײַנע בליקן אויף מײַן וועלט —
אויף אַלץ וואָס איז ווי טרוים פון מיר אַנטלאָפן,
בעת איך האָב דעם וועג צו זיי געטראָפן,
און ס׳האָט דאָס אומבאַקאַנטע זיך געשטעלט

אַקעגן מיר אין דער אַנטפּלעקטער וועלט,
וואו אַלע הימלווענגן זענען אָפן —
נאָר ווי צעברענטע שטערן פון מײַן האָפן,
זויף טונקלער אומרו פון מײַן נאַכטגעצעלט.

ביסט אומעטום. איך הער די לײַכטע טריט
אויף אַלע וועגן מיר אַנטקעגן זינגען.
דו וויגסט דײַן גוף און ס׳וויגט מיט דיר זיך מיט

איעדער גרינער שטערן אין דער הייך.
און אַלץ וואָס דו באַרירסט הייבט אָן צו קלינגען.
געזאלבטע — שמעקן פון דײַן וועלדער־ריח.

אַ דו מיין זיבן־הימלישער געזאַנג,
וואָס איבער אַלצדינג האָסטו מיך דערהויבן!
דאָס האַרץ איז ליד, און לויטער ווי דיין גלויבן,
און ווערט דערציטערטער פון יעדן קלאַנג!

דו העלער מאָרגן, דו מיין זונאויפגאַנג,
וואָס וויינסט אויף מיר אויראַראַטוי פון אויבן,
באַגיסט מיט פורפורבענקשאַפט אַלע שויבן,
און שפיגלסט זיך אין מיינע פענצטער לאַנג,

ביז ס׳נידערט נאַכט פון דיינע שוואַרצע ברעמען,
קרוינט מיך מיט דיינע שטערן — דיאַדעמען,
ביז ס׳לאָזט אַראָפּ פון דיינע וויעס זיך

אַ טיפע שטילקייט וואָס פאַרכישופט מיך,
הויכט רו אַריין אין מיינע מידע גלידער,
און לייגט פאַר מיר דיין העלסטן טרוים אַנידער.

אינהאַלט:

הקדמה — 3
דאָס קריגל ליכט — 9
אַנטפּלעקונג — 10
מיינע פליפערד — 12
אין דער שטילקייט פון די לאַנקעס — 14
דער זון־פאַרשלינגער — 15
דער בלויער מילנער — 16
סטעפּ אין לבנהנאַכט — 17
אָוונט ביים פּרוט — 18
דער פּרוט — 19
אָוונט אין דאָרף — 20
דעמערונג אין די קאַרפּאַטן — 21
נאַכט אין וואַלד — 22
דער בוים — 23
פרימאָרגן — 24
דער שמעטערלינג — 25
היטל, שטעקן, און איך גיי — 26
ווינטער לאַנדשאַפט — 28
פראָסט — 29
אָפּשייד פון טשערנאָוויץ — 30
הימל אין ווענעדיג — 31
ליד — 32
MT. BEACON — 33

פורפורנע אויגן — — — — — — — — — — 36
פאַרגיין — — — — — — — — — — — — — 37
האַרבסט — — — — — — — — — — — — — 39
האַרבסט סאָנעט — — — — — — — — — — — 41
זעלנער — — — — — — — — — — — — — 43
וואַנדערער אין האַרבסט — — — — — — — — 44
אַפּאָקאַליפּטישע רייטער — — — — — — — — 46
פרילינג אין שפּאַניע 1938 — — — — — — — 47
דער נאַכטוועכטער — — — — — — — — — 48
ליד — — — — — — — — — — — — — — 49
בייט — — — — — — — — — — — — — 50
צו אַ דיכטער — — — — — — — — — — 51
סאָנעט אין שוואַרץ — — — — — — — — — 52
די שוואַרצע קאַץ — — — — — — — — — 53
טרייסט — — — — — — — — — — — — 56
L'INCONNUE DE LA SEINE — — — — — — — — 57
צו אַ קראַנקן־שוועסטער — — — — — — — — 58
ציגיינערין אַפּראָדיט — — — — — — — — 59
בריוו צו אַ קאַבאַרעט־טענצערין — — — — — — 60
צו . . . — — — — — — — — — — — — — 61
FRUNZA VERDE — — — — — — — — — — 65
געזאַנגען פאַר רות — — — — — — — — — 75